# באָריס קאַרלאָוו

# אָנגעצויגענע סטרונע

לידער



ביבליאָטעק פֿון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור



0 05890001012 4
589-1012 דאנאקוד

# באָריס קאַרלאָוו / אָנגעצויגענע סטרונע



ביבליאָטעק פֿון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור

5

הרשות הלאומית לתרבות היידיש
נאַציאָנאַלע אינסטאַנץ פֿאַר ייִדישער קולטור

# באָריס קאַרלאָוו

# Boris Karlof

## מיתּר מתוח

## Taut String

### שירים

### Poems

Copyright©Dov-Ber Kerler, 2016 * אַלע רעכט געהערן דעם מחבר

כל הזכויות שמורות למחבר

אינעם בוך איז אָפּגעהיט געוואָרן די אָריגינעלע סטיליסטיק פֿונעם מחבר

הילע, סעריע־לאָגאָ און צייכענונגען – משה הימיין



*רעדאַקציע־קאָלעגיע:*

וועלוול טשערנין

מיכאל פֿעלזענבאַום

לעאָניד שקאָלניק

דובֿ־בער קערלער

דאָס בוך גייט אַרויס מיט דער הילף פֿון
נאַציאָנאַלע אינסטאַנץ פֿאַר ייִדישער קולטור

געדרוקט אין דפוס שחף

נדפס בישראל, תשע״ו

Printed in Israel, 2016

באָריס קאַרלאָוו

# אָנגעצויגענע סטרונע

## לידער

תּל־אָבֿיבֿ

תּשע"ו – 2016



באָריס קאַרלאָוו (פּען־נאָמען פֿון דובֿ־בער קערלער) איז געבוירן געוואָרן אין מאָסקווע (1958), עולה געווען מיט די עלטערן – אַניע און יוסף – אין 1971. געלערנט זיך ייִדיש און לינגוויסטיק אין העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים (1983-1979), שטודירט ייִדישע פֿילאָלאָגיע אין אָקספֿאָרדער אוניווערסיטעט (1988-1984), אויך געאַרבעט דאָרט אַלס לעקטאָר און דאָצענט (2000-1985). זינט 2001 פֿירט ער אָן מיט דער אַליס כּהן־קאַטעדרע פֿאַר ייִדיש־שטודיִעס אין אינדיאַנאַ אוניווערסיטעט (בלומינגטאָן, אינדיאַנאַ, די פֿאַראייניקטע שטאַטן). אין 2002 שטייט בראש פֿונעם ״אַהיים״־פּראָיעקט, וואָס זאַמלט און פּרעזענטירט, אויף ווידעאָ, אינטערוויען אויף יידיש מיט דעם עלטערן דור ייִדן אין אוקראַיִנע, מאָלדאָווע, טיילן פֿון רומעניע, אונגערן, סלאָוואַקײַ און לעצטנס אויך אין פּוילן. זינט 1993 אָנגעהויבן שרײַבן און דרוקן לידער אין פֿאַרשידענע ייִדישע צײַטשריפֿטן אין ישׂראל, אייראָפּע און אַמעריקע. דאָס ערשטע לידערבוך איז דערשינען אין יאָר 1996. ביז איצט זענען אַרויס זײַנע 5 לידער־ביכער. צווישן זיי אַ בשותּפֿותדיקע זאַמלונג – אַ ליד אַנטקעגן אַ ליד – מיט זײַן טאַטן, דעם באַקאַנטן און מוטיקן ייִדישן פּאָעט, יוסף קערלער, ע״ה.

# יין בן־יין

ניט אָפּט טרעפֿט זיך, אַז אַ זון פֿון אַ דיכטער זאָל ווערן אַ דיכטער. טאַקע אַ דיכטער ממש. און פֿאָרט אין אונדזער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע פּאָרן. למשל: אבֿרהם־בער לעבענסאָן און זײַן זון מיכה־יוסף לעבענסאָן אויף העברעיִש, עדואַרד באַגריצקי און זײַן זון וסעוואָלאָד באַגריצקי אָדער וולאַדימיר ליפּשיץ און זײַן זון לעוו לאָסיעוו צווישן רוסיש־שפּראַכיקע דיכטער פֿון דער ייִדישער אָפּשטאַמונג. ס׳איז דאָ אַזאַ פּאָר אויך צווישן ייִדיש־שפּראַכיקע דיכטער: יוסף קערלער און זײַן זון באָריס קאַרלאָוו.

איך בין פּערזענלעך געווען באַקאַנט מיט יוסף קערלערן. במשך פֿונעם ערשטן יאָרצענדליק פֿון מײַן ארץ־ישׂראלדיק לעבן פֿלעג איך רעגולער קומען אין זײַן ירושלימער דירה אין רמות־אשכול. איך פֿלעג אים פֿאָרלייענען מײַנע נײַע לידער, הערן זײַן דערציילן וועגן ייִדישע שרײַבער דאָרט און דאָ (דאָס הייסט, אינעם ראַטן־פֿאַרבאַנד און אין ישׂראל), וועגן דעם קאַמף פֿאַר עליה, סתּם שמועסן וועגן לעבן. אַ מאָל פֿלעג איך זוכה זײַן מאַכן מיט אים אַ שהכל. אין יוסף קערלערס דירה האָב איך זיך באַקענט מיט אַ סך אינטערעסאַנטע מענטשן, פֿאַרבונדענע מיט דער ייִדישער קולטור.

דאָס רובֿ זײַנען זיי געווען אַ סך עלטער פֿון מיר. נאָר עס זײַנען געווען אויך אויסנאַמען. דער בולטסטער אויסנאַם אין דעם הינזיכט איז בלי־ספֿק געווען יוספֿס זון דובֿ־בער.

ווען מיר האָבן זיך באַקענט, איז נאָך קיין דיכטער באָריס קאַרלאָוו ניט געווען. אויף יעדן פֿאַל איך האָב אים ניט געקענט. עס איז געווען אַ יונגער פֿאָרשער אַ לינגוויסט דר׳ דובֿ־בער קערלער. שפּעטער, אין 1999 האָט ער אַרויסגעגעבן אין אָקספֿאַרד ביז גאָר אַ וויכטיקע מאָנאָגראַפֿיע "The Origins of Modern Literary Yiddish" ("די אָפּשטאַמונג פֿון דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַרישער ייִדישער שפּראַך"). דאָס בוך איז געווידמעט אַ היסטאָריש־לינגוויסטישן אַנאַליז פֿון ייִדישע ליטעראַרישע דענקמעלער פֿונעם 17טן און 18טן יאָרהונדערטער; דער אַלטער ליטעראַרישער שפּראַכנאָמרע, וואָס האָט זיך באַזירט איבער הויפּט אויף מערבֿדיקע, איצט שוין נעלם געוואָרענע דיאַלעקטן פֿון ייִדיש און דעם פּראָצעס פֿונעם בהדרגהדיקן פֿאַרבײַטן אָט די פֿאַרעלטערטע "דײַטשמערישע" נאָרמע מיט אַ נײַער ליטעראַרישער נאָרמע, וועלכע האָט זיך באַזירט אויף מיזרח־אייראָפּעישע ייִדישע דיאַלעקטן. שפּעטער, שוין זײַענדיק אַ פּראָפֿעסאָר פֿונעם בלומינגטאָנער אוניווערסיטעט אינעם אַמעריקאַנער שטאַט אינדיאַנע, האָט דער לינגוויסט דובֿ־בער קערלער אָנגעהויבן פֿאַרווירקלעכן אַן אַנדערן ביז גאָר וויכטיקן וויסנשאַפֿטלעכן פּראָיעקט, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען "אַהיים"; דאָס איז אַ ראָשי־תּיבֿות פֿונעם ענגלישן פֿולן נאָמען "Archives of Historical & Ethnographic Yiddish Memories" ("אַרכיוון פון היסטאָרישע און עטנאָגראַפֿישע ייִדישע זכרונות"). אין זײַנע ראַמען ווערן צונויפֿגעקליבן און פֿאַרפֿיקסירט אױף ווידעאָ אינטערוויוען מיט די לעצטע נאַטירלעכע ייִדיש־רעדנער אינעם

אַמאָליקן ״יִדישלאַנד״ אין מיזרח־איראָפּע – אוקראַינע, רומעניע, אונגאַרן, סלאָוואַקײַ, פּוילן...

דובֿ־בער קערלער האָט זיך אַ סך פֿאַרנומען (און פֿאַרנעמט זיך ביז איצט) מיט רעדאַקטור. אין די 90ער יאָרן האָט ער מיטרעדאַגירט דרײַ בענד פֿונעם וויסנשאַפֿטלעכן אַלמאַנאַך ״אָקספֿאָרדער יִדיש״ און אַ פּאָר קאָלעקטיווע זאַמלונגען אַרטיקלען און פֿאָרשונגען אויף ענגליש געווידמעטע דער יִדיש־פֿאַרשונג. אומגעפֿער אין די זעלבע יאָרן איז ער געווען אַ מיטגליד אין דער רעדאַקציע פֿונעם ליטעראַרישן זשורנאַל ״די פּען״, וואָס איז דערשינען אין אָקספֿאָרד. פּאַראַלעל האָט ער אָנגעהויבן מיטהעלפֿן זײַן פֿאָטער רעדאַגירן דעם ״ירושלימער אַלמאַנאַך״. אין 2000, נאָך דער פּטירה פֿון יוסף קערלערן האָט דובֿ־בער קערלער גענומען אויף זיך אָט די אַרבעט אין גאַנצן און ער זעצט פֿאָר ביז הײַנט צו רעדאַגירן און אַרויסגעבן דעם ״ירושלימער אַלמאַנאַך״. דאָס איז בפֿירוש אַ גוואַלדיקער אויפֿטו. אַלע ליבהאָבער פֿון דער יִדישער ליטעראַטור פֿאַרשטייען, אַז הײַנט צו טאָג איז ״ירושלימער אַלמאַנאַך״ געבליבן די לעצטע סאָלידע ליטעראַרישע אויסגאַבע, וואָס האָט טיפֿע וואָרצלען. יוסף קערלער האָט דאָך אים געגרינדעט אַזש אין 1973. איך, ווי אַ נאָענטער פֿרײַנד פֿון דובֿ־בערן, קען צוגעבן אַ פֿאַקט, זייער גוט באַוווּסטן אין אונדזער ענגער יִדישער ליטעראַרישער סבֿיבֿה, אויך מײַנע פּערזענלעכע אײַנדרוקן: די איבערגעבנקייט פֿון דובֿ־בערן אָט דעם קריטיש וויכטיקן פֿאַר דער הײַנטצײַטיקער יִדישער ליטעראַטור פּראָיעקט גרענעצט ממש מיט מסירות־נפֿשדיקייט. ער שלעפּט אָט דעם שווערן אין אַלע הינזיכטן וואָגן שוין יאָרן לאַנג, ער איז זיך ניט מייאש, און ער איז דערצו אַן עכטער רעדאַקטאָר – ניט נאָר, וואָס ער באַהערשט גלענצנדיק די שפּראַך און פֿילט אַלע אירע טעמים, ער האָט דערבײַ אויך אַן אמתן ליב שאַפֿונגען פֿון

אַנדערע ייִדיש־מחברים און ער גיט זיי ברצון אָפּ לאַנגע שעהן פֿון זײַן רעדאַקטאָרישער מי.

וואָס איז שייך דעם דיכטער באָריס קאַרלאָוו, ער האָט זיך באַוויזן שפּעטער, ערשט אין דער מיט פֿון די 90ער יאָרן. ס׳איז ניט קיין חידוש, וואָס דובֿ־בער קערלער האָט אויסגעקליבן פֿאַר זיך אַ ליטעראַרישן פּען־נאָמען כדי מאַכן אַ מין מחיצה צווישן זײַן וויסנשאַפֿטלעכער און רעדאַקטאָרישער טעטיקייט פֿון איין זײַט און זײַן פּאָעטישער שאַפֿונג פֿון דער אַנדערער. אַ געוויסע ראָלע אין באַשליסן צו פֿאַרעפֿנטלעכן זײַנע לידער אונטער אַ פּען־נאָמען האָט אוודאַי געשפּילט אויך אַ נויטווענדיקייט זיך ניט געפֿינען ״אונטערן שאָטן״ פֿון זײַן פֿאָטער, אַ הויך טאַלאַנטירטן פּאָעט, גוט באַקאַנטן אין אונדזער דיכטונג.

אין 1996 איז אינעם בריטאַנישן פֿאַרלאַג ״דרײַ שוועסטער״ דערשינען די ערשטע לידער־זאַמלונג פֿון באָריס קאַרלאָוון ״וואו מיט אַן אלף״. יאָ, באָריס קאַרלאָוו, פּונקט ווי דובֿ־בער קערלער, איז אַ געטרײַער (הגם ניט קיין פֿאַנאַטישער) חסיד פֿון דער אָרטאָגראַפֿיע מיט די שטומע אַלעפֿס צווישן וואָוון. אינעם זעלבן יאָר איז אין ירושלים דערשינען אַ געמיינזאַמע לידער־זאַמלונג פֿון באָריס קאַרלאָוון און יוסף קערלערן מיטן נאָמען ״שפּיגל־כּתב. געציילטע לידער״. אויף וויפֿל איך ווייס, איז דאָס געווען דער איינציקער אין אונדזער דיכטונג פֿאַל פֿון אַזאַ מין פּאָעטישן דיאַלאָג צווישן צוויי דורות פּאָעטן און דערצו נאָך פֿון אַ טאַטן מיט אַ זון...

שפּעטער זײַנען איינס נאָכן אַנדערן דערשינען אין אונדזער הויפּשטאָט נאָך דרײַ באָריס קאַרלאָווס לידער-ביכער: ״עלאַברעק. לידער פֿונעם נײַעם יאָרטויזנט״ (2006), ״קאַטאָוועס אָן אַ זײַט. נעכטיקע לידער״, 1993 – 2001״ (2007) און ״מיר איז שטאַרק נוגע״ (2012). די ייִדישע שפּראַך פֿון זײַנע לידער איז אַלע מאָל געווען רײַך, נאַטירלעך, פֿול מיט פֿאָלקסווערטלעך. נו, און ווי אַזוי

האָט עס געקאָנט זײַן אַנדערש? בײַ װעמען, אויב ניט בײַ אים האָט געדאַרפֿט זײַן אַזאַ אויסגעצייכנטע שפּראַך? ער איז דאָך אויסגעוואַקסן ניט פּשוט צווישן נאַטירלעכע ייִדיש־רעדנער, נאָר ממש אין דער ייִדישער ליטעראַטור־סבֿיבֿה, ווו מע האָט גערעדט אויף אַ רײַכער און אַפֿילו ראַפֿינירטער (כאָטשבי אין אַ געוויסער מאָס) ייִדישער שפּראַך – ס׳איז דאָך ניט יענץ מאַמע־לשון, וואָס עס האָבן געהערט אין אונדזערע קינדער־יאָרן, איך און נאָך אַ סך אַזוינע, ווי איך: ״אין קלאַדאָווקע אויף דער פּאָלקע שטייט אַ באַנקע מיט וואַרעניע״, אַזוי צו זאָגן. און דערנאָך האָט ער דערצו געפֿאָרשט אַלטע ייִדישע ליטעראַטור־דענקמעלער און אינטערעוויוירט אַלטע ייִדישע פֿאָלקס־לײַט אין אַמאָליקע שטעטלעך...

אָבער מיר האָט זיך געדאַכט בײַם לייענען די ערשטע פּאָעטישע ווערק פֿון באָריס קאַרלאָוון, אַז אָט די אַלע מעלות פֿון דובֿ־בער קערלערס ייִדישער שפּראַך שטערן זײַן דיכטונג, אַז ער איז צו פֿיל אַ לינגוויסט כּדי צו זײַן אַן עכטער דיכטער. ער האָט דאָך אַליין אַ מאָל אָנגעשריבן אין זײַן ליד ״שפּראַך־דיאַלעקטיק״: ״איך ציטער/ איבער יעדן גערירשנטן וואָרט, / איבערן מינדסטן קלאַנג איך ציטער (...) כ׳בין בלויז זייער יורש און היטער...״ נאָר עס איז געוואָרן אַזוי, אַז וואָס ווײַטער, אַלץ מער האָט באָריס קאַרלאָוו זיך באַפֿרײַט פֿון דער השפּעה פֿון דובֿ־בער קערלערן. זײַנע לידער האָבן אָנגעהויבן געפֿעלן מיר אַלץ מער און מער. אפֿשר, איז דאָס געשען צולב דעם, וואָס דאָס געפֿיל פֿונעם חובֿ און פֿליכט בנוגע צו ייִדיש האָט זיך בײַ אים אָפּגעהיט און זיך ניט אָפּגעשוואַכט, און דאָך, ווי ער האָט אַליין אָנגעשריבן אינעם זעלבן ליד: ״נאָר יאָדערדיק/ ס׳פֿליסט איבעראַל און עס דרייט/ דער קאָכיקער ווירבל פֿון אייגענע רייד״.

אַז איך האָב זיך געווענדט צו באָריס קאַרלאָוון מיט אַ בקשה צוצוגרייטן זײַן בוך לידער פֿאַר דער סעריע ״די הײַנטצײַטיקע ייִדישע ליטעראַטור״, האָב איך געמיינט ער זאָל אָפּקלײַבן ווי מע זאָגט, ״פֿונעם בעסטן און פֿונעם שענסטן״, מין אויסדערוויילטע ווערק. נאָר אַזוי ווי באָריס קאַרלאָוו האָט געפֿונען זײַן אייגענע שטים און האָט געלאָזט אויף דער פֿרײַ זײַנע ״אייגענע רייד״, ווערן לויט מײַן מיינונג, זײַנע לידער אַלץ בעסער און שענער און טיפֿער. אַזוי אַרום איז דער אָפּקלײַב פֿון זײַנע נײַסטע לידער, וואָס איז אַרײַן אין אָט דעם בוך, אין אַ געוויסער מאָס טאַקע ״פֿונעם בעסטן און פֿונעם שענסטן״ (סך־הכּל האָט דער מחבר אין דעם בוך אײַנגלשלאָסן בלויז 12 לידער פֿון זײַנע פֿריִערדיקע לידער־ביכער). באָריס קאַרלאָוו האָט מצליח געווען זיך באַפֿרײַען ניט בלויז פֿון דער השפּעה פֿון דובֿ־בער קערלער דעם לינגוויסט, נאָר אויך אַרויסגיין ״פֿונעם שאָטן״ פֿון דעם דיכטער יוסף קערלער, בלײַבנדיק דערבײַ זײַן געטרײַער און איבערגעגעבענער זון. און דווקא צוליב דעם האָט ער כּשר פֿאַרדינט דעם צונאָמען ״יין בן־יין״, וואָס איך קלעפּ אים דאָ צו.

און נאָך אַ זאַך, וואָס איך וואָלט געוואָלט באַצייכענען אין אָט דעם גאַנץ פּערזענלעכן פֿאָרוואָרט צו אַ נײַ בוך לידער פֿון מײַן קאָלעגע און פֿרײַנד באָריס קאַרלאָוו/ דובֿ־בער קערלער: ער איז זייער אַ ישׂראלדיקער און אין דער זעלבער צײַט זייער אַ גלותדיק־ייִדישער מענטש. ער וואַנדערט איבער מיזרח־אייראָפּע און וווינט אין אַמעריקע, נאָר לעבן לעבט ער טאַקע אין ארץ־ישׂראל. און דאָס לאָזט זיך פֿילן מיט אַ באַזונדערן כּוח אין אָט דעם בוך.

# אַהיים

## נעם צונויף

*מײַן פֿרײַנד, יוסף װײַדלינגער, אַ מתּנה*

נעם צונויף
די רעשטלעך
פֿון דער צײַט

גיב אַ גלעט
אַלץ װאָס איז װײַט
און ערשטלעך

און באַאָטעם
הײס
דעם איבערבײַט

צערטלעך ריר עס אָן
מיט די
זכּרון־בערשטלעך

## ייִדישע קינדער

קינדערלעך טײַערע,
אָט דאָס איז אַ ליד
אין גאַנצן פֿאַר אײַך,
ס׳איז אַרויס פֿון די פֿײַערן,
אַז איר זאָלט געדענקען
ערגעץ דאָרט ווײַט,
ווי אינ־לשער גאָר,
ווי שטאַרק
נאָך אײַך בענקען:
דער וואַלד און דאָס פֿעלד,
די שפּײַכלערס מיט שײַערן,
דיביימער,
די פֿייגל,
די הויפֿישע הינטלעך –
נאָך אײַך און נאָך אײַערע
אויגן און הענטלעך,
נאָך אײַער געפּילדער,
אויפֿן לשון דעם מאַמישן
מיט טרוימעלעך אײַערע
נאָך רחבֿותן וועלטישע,
נאָך בלויקײַטן ימישע
פֿול ווילדקײַטן מילדע –
מילדער ווי ווילדער...
טײַערע, האַרציקע,
ייִדישע קינדער.

# פוילן, תשע״ו

## א. וואַרשע

אַן אַנדער וואַרשע
אַן אַנדער וועלט
ניט זי דרשהט,
ניט זי שעלט...

די גאַסן ריינע –
וואָס ווייסן זיי
פֿון יענעם גיהנום,
פּײַן און וויי?

היפּש הײַפֿל ייִדן
האָסט דערקענט
צישן טעאַטערס
שטומע ווענט...

די שטומקייט
עקט זיך
מיט פּוילישע רייד
אין ייִדישע מײַלער
(ווי קאָן מען אָן זיי?!)

אַן אַנדער וואַרשע
אַן אַנדער דריי...
קיין שוואַרצע קאַרשן...
אָן זיי, אָן זיי –
בלײַבן די גרינע גאָר
אַליין.

וואַרשע, אייר תּשע״ו

## ב. דירה בתחתּונים

דערציייל אים,
דערציייל אים – דעם ייִד אויפֿן צלם:

אין לאָדזש, אין לובלין אין גער און אין קראָקע
צעהענגט מען אויף ווענט איצט אַן אַנדער מין ייִד
וואָס רק טוט ער ציילן געלטער, ממתּקים,
מטבעות, באַנקנאָטן... אויף טריט און אויף שריט...

מ׳גלייבט ער׳עט ברענגען סײַ גליק סײַ עשירות
און דווקא אויף דער, אויף דער זינדיקער וועלט,
גראָד אין דער נידער פֿון זײַן טאַטעשיס דירה
ווו גשמיות נישטיקע קיין צײַט ניט פֿאַרפֿעלט.

איין ייִד צוגעזאָגט האָט דאָס גליק אויפֿן הימל,
דער אַנדערער כּלומרשט בענטשט דעם יאַריד...
ווערסט צווישן די ביידע, אין רעשיק געווימל,
מיט יאַשטשערקעס שמייכל – צעטראָגן און מיד.

דערציייל אים, דערציייל אים –
דעם ייִד אויף דער וואַנט,
אַז דער ייִד אויפֿן צלם
האָט אויף אים זיך דערוואַרט...

ירושלים, סיוון תּשע״ו

## ג. קאַזימעזש

אויף דער אַלטער גאַס שעראָקע
אויף דער ברייטער גאַס פֿון קראָקע –
שפּיל און פּרעס און פֿאַרגעניגן
אויך שפּאַציר, געזאַנג און ניגון,
און אַוודאי (מ׳קאָן דען אַנדערש?!) –
קלעזמערישע קאַראַאָקע

און צו מאָל פֿון צווישן טויזנט
טוסט דערזען דאָ אויך אַ ייִדן
צווישן ווענט ווו שאָטנס הויזן
זיך צוזאַם מיט שטויב פֿון קלויזן,
און די גוטע געסט וואָס קריגן
שטיקלעך פֿיש און וויַין און רויזן

גייסט פֿאַרביַי און זאַמלסט שטויבן
און פֿאַרכאַפּסט וואָס מערער שאָטנס
האָפֿנדיק אַז דייַן געדענקשאַפֿט
ווי מיט שטיקלעך טלית־קטנס
וועט דערפֿרייען דאָרט אין אויבן
דעם באַשעפֿערס הוילע בענקשאַפֿט

אויף דער אַלטער גאַס שעראָקע
שוין נאָך מנחה, איידער מעריבֿ
אויף דער ברייטער גאַס אין קראָקע
טוסט ניט קלאָגן און ניט לויבן
נאָר פֿאַרעקשנט, ווילסט אײַנבראָקן
ברעקעלעך ביטחון־שטויבן

נאָך דעם בראָך פֿון אַלע בראָכן

קראָקע, סיוון תּשע״ו

## מיר זענען געווען ייִדן

מיר זענען געווען ייִדן,
מיר פֿלעגן לעבן דאָ...
אַצינדערט פֿוילע פֿליגן
קוים זשיפּען, קרײַז־און־קראָ.

ס׳צעקרישלען זיך די ווענט און
עס גייען פֿרעמדע פֿאַרבײַ
אין בונטע פֿאַרביקע העמדער
ווי אויפֿן ערשטן מײַ!...

און קיינער ניט דערמאָנט זיך,
געדענקען איז ניט פֿאַר זיי
חמיל, מאַזעפּע, גאָנטע –
אַ בלוטיקער פֿאַרזיי...

מיר זענען געווען ייִדן,
מיר האָבן אַמאָל געלעבט...
איצט פֿרעמדע רק יאַרידן
רוישן דאָ אומפֿאַרשעמט.

# צעשפּליטערט אויף טויזנטער ייִדן

זיך צעטראַסקעט אויף טויזנטער ייִדן
זיך צעבענקט נאָך פֿיל טויזנטער מער
ניט געלאָזט אַז דער יאוש זאָל שמידן
די ליבשאַפֿט מיט ווייטאָג באַשווערט

יעדן קנייטש, יעדן זיפֿץ, יעדן שמייכל
טיף אין זיך איינגעקאַרבט, איינגענייט
פֿרישע בליצן פֿון זקנישן שׂכל
אין ״זיקאָרס״ אינגעווייד איינגעדרייט

און באַמיט זיך ניט קלערן פֿון בוידעם
וועלכער האָט זיך פֿון אונדז אויסגעלאָזט
מחמת אַלץ וואָס געווען איז מקודם
לעבט אויף אייביק אין ייִדישן אות

און די אותיות – אין הערצער און מײַלער
ביי דער יוגנט וואָס קלאַמערט זיך דאָך –
מיטן אימפּעט וואָס שפּרודלט אַלץ ווײַטער
קריק צום זקנס צעשקיעהטן קאָך.

## צען מײַל פֿון אָדעס

– צען טריט פֿון דאַנעט ברענט דער גיהנום,
טאָ וואָס זשע וואַרטסטו נאָך?

– זאָל ער זיך ברענען, אַבי בײַ יענעם
זאָל זײַן אַ גוטע וואָך.

– צען מײַל פֿון דאַנעט בליט דער גן־עדן,
טאָ וואָס זשע זאַמסט זיך, וואָס?

– זאָל ער זיך בליִען, אַבי אונדז ביידן
לויכט ער אין יעדן אות.

– צען ווערסט פֿון דאַנעט איז דײַן היימשטאָט,
ניין, גראָד צען טויזנט ווערסט!...

– אַהין צו טאַקע – טאָג אײַן, טאָג אויסעט,
אַנטרינען וויל איך, – הערסט?...

## ירושלים, ערבֿ נאַכט

ירושלים ז׳גרייט צו טועם זײַן דעם שלאָף,
די ווײַסע וואָלקנדלעך, די פֿולע פֿוילע שאָף
אַוועקגעשוווּמען שוין העט ווײַט צו הרי מואבֿ,

פֿאַרשפּעטיקטע פֿאַרבײַגייער לרובֿ
זיך דרייען נאָך אַרום, כּלומרשט אָן סוף
און לעצטע הינט און קעץ זיך טוען אָן אַ כּוח

צו מאַכן היימישער די דרויסנדיקע פֿרעמד
אין גאַס און געסל, אָפּגעריסן, אומפֿאַרשעמט
און זעלטן ס׳טוט אַ פֿלי אַ פֿויגל אין דער הויעך

און דו באַוווּנדערסט די הכנות ערבֿ נאַכט
און גרייט ביסטו אַ בענטש טאָן יענע פּראַכט
ווען רו איז וואַכזאַם און מנוחה, אָן מנוח,

זיך טוליעט מיד צו ווענט צו טויבע און צום דאַך,
ווען אַלע טיר־און־טויער ס׳האָט שוין צוגעמאַכט
די שטילע האַנט פֿון דעם אַלמעכטיק גרויסן כּוח

## אין כּפֿר־אלדד

איך זיץ מיט וועלוולען אין כּפֿר־אלדד
און כ׳טו דערמאָנען זיך אין יענע יאָרן
ווען כ׳האָב געקוקט
ווי ד״ר ישראל אלדד
פֿלעג אויסגיסן אויף בעלי־ספֿקות
בליציק שאַרף זײַן צאָרן.

אַ ווינטל פֿון די ירושלמער בערג
דערגרייכט
צו די געבערג פֿון גוש־עציון
און שווערן ס׳וואָלט געמעגט
מײַן אויסדויער זכּרון
דערגרייכנדיק צו שפּיצן
פֿון ארץ־ישׂראל־ערד

אַז ייִנגערט זי, די ערד, זיך דאָ
דורך אור־אַלט פֿרישע יאָרן

אַז ייִדישע געדענקשאַפֿט אָן אַ שיִעור
טוט נעסטיקן זיך דאָ

אין סאַמע צווישן
פֿאַלאַסטינער דערפֿער...

טאָ ווען/מענס איז

דאָס לאַנד
וואָס איר באַריר
דערוועקט דעם הייסן גלי
פֿון גײַסט, מיט שטעכעדיקן ברי
פֿון ביבליש אָנגעטרויטן לעבעדיקן קערפּער?

איך שטוין
און טו אַ שטילע תּפֿילה:
גאָטעניו, דערהער –
ניט אַלץ
וואָס שׂונאים פּריידיקן,
מעג מען
געדולדיק מערן.

איך זיץ מיט וועלוולען דאָ,
אין כּפֿר־אלדד –
דער זכות פֿון אָבֿות דאָ –
גראָד קרישטויל קלאָר לעדי־עד
אונטער דעם הימלס
הייסע, וואָרע שטערן.

# נאָך אַלעמען

כ׳בין געקומען אין לאַנד
נאָך אַלעמען
און געזען
אַז עס בענקט ניט דאָס לאַנד
נאָך אַלעמען

נאָר עס וויינט ביטער דאָס האַרץ
און ס׳וואַרגט דיך אין האַלדז
נאָך אַלעמען
נאָך אַלעמען

אין לאַנד ווי אין אויסלאַנד –
אַ פֿאַרפֿאַלענער
פֿרעגסטו בייַם מקום
ווי קאָן מען פֿאַרטראָגן דאָס אַלץ
נאָך אַלעמען
נאָך אַלעמען

*2005*

# מינקאַטש

מינקאַטש, מינקאַטש, כ׳בענק נאָך דיר אַזוי,
דײַן לאַטאָריצע רינט מיר אין דעם זכּרונס אָדערן
ווײ, וואָס איז פֿאַרבליבן הײַנט פֿון דיר
אַן אויסגעליידיקט פֿעלד
און ווײַטע געסט וואָס קומען שנדרן
פֿאַר ווענען און פֿאַר וואָס
פֿאַר זייער טיף פֿאַרוווּנדיקטע
פֿאַרוווּנדערטע דערמאָנונגען.

מינקאַטש, מינקאַטש, די וואַנדערהיים
פֿון קינד וואָס קלעטערט דורך דעם וועג
צו ווערן שטאַרקער קעגן אַלע דראָונגען
צו ווערן מיטגעריסן מיטן שטאָלצן רעשט
פֿון שיער פֿאַרווערטער ייִדישקייט
ווּ אויף דײַן לאַטאָריצע־ברעג
האָט ער געלערנט פּרק באַרג־און־טאָל
און הימלישקייט.

מינקאַטש־קרוין, כ׳בענק נאָך דיר אַזוי
אַזוי ווי ס׳האָט נאָך קיינער ניט געבענקט – – –
צו דייַנע חתונות די כשרה פֿאַרחסידישט
צום פֿרישן פֿרעמדן רויש פֿון אונגערישע רייד
און צו דייַן פּרעכטיק לעבעדיקן ייִדיש
דאָס אַלץ איז שוין פֿאַרבייַ, אין גאַנצן שוין אַוועק –
באַליידיקט ליידיק שטייט דייַן לאַטאָריצע־ברעג
מייַן בענקשאַפֿט גופֿא – ביטערלעך פֿאַרחידושט...

## אונטערוועגנס

אַריבערפֿאָרנדיק די גרענעץ הינטער טשאָפּ
דערשפּירסט בחוש אַ שטיקל עולם־הבא
די ריכטיקע מאָדיאַרן־לאַנד גלײַך האָט
מיט שמייכל דיר געשענקט איר ברוך־הבא

און הינטער איז פֿאַרבליבן פֿאָרט דער סוד
פֿון אוקרענלאַנד, וואָס ווינקט צו דיר קיריליש,
בעת ברייטע פֿלאַך די אונגערישע האָט
פֿאַרצויגן גלחות ניגון לעבעדיק סטעריליש

קאַרפּאַטן־בערג, כ׳לאָז איבער צווישן אײַך
און צווישן שטעטעלעך וואָלינער און פּאַדאָליער –
בײַ יעטווידן – אַ צאַפּלדיקן שטיקל פֿון מײַן האַרץ
מיט לעצטע שפּורן פֿון מײַן פֿאָלקס פֿאַרשטערטער דאָליע

און וווּ דו זאָלסט ניט קערן ווײַטער זײַן –
אויף דער צי יענער וועלט, וווּ זאָלסט זיך ניט געפֿינען
די דאָליע מיט איר פֿרייד און רייד, מיט איר געזאַנג און פּײַן
מיט אַלף־בית מיט ייִדישן זאָל טיף אין דיר טאָן רינען.

## אין בוקאָווינע...

אין בוקאָווינע, צווישן די קאַרפּאַטן־בערג
מײַן לשון איז אַנטשטומט געוואָרן
פֿאַריתומטע בתּי־מדרשים
האָט מען דווקא ניט צעשטערט
רק אוראַלט ייִדישער געזאַנג
האָט זיך אויף אייביק דאָ פֿאַרלאָרן
און ס׳קלעקט קיין ווערטער מער
אַזאַ מין רחבֿותדיקע פּראַכט
זיך ציט אַרויף, אַראָפּ
קיין מיזרח און קיין מערבֿ
די זון טוט לאַנג זיך זעצן
שעהען, שעהען לאַנג
ביז שפּעט
עס וועט
זיך איבערקרייצן
מיטן סוף
פֿון שטומען מעריבֿ

*2012*

## גערענקשאַפֿט

די בענקשאַפֿט
האָט פֿיל פּנימער
פֿיל פּנימער און בליקן
וואָס יעדערער קען יעדעמען
דערשטוינען און דערשטיקן
נאָר דו,
דו זאַמלסט פּנימער,
היטסט זייער טאָן און ניגון,
אַז ס׳זאָל שוין קיינער
קיין מאָל מער
זיך ווידער ניט צעקריגן
מיט געדענקשאַפֿט.

*2007*

# אָנגעצויגענע סטרונע

## אין וועג אַרײַן

דאָס ביסל כּודאָבע לאָז איבער פֿאַר אַנדערע
ס׳עט דיר איבעריק זײַן אין דײַן ווײַט־ווײַטן וואַנדערן,
ווײַל אַלץ וואָס איז נייטיק אי׳ שוין דאָ אין דעם אַלף־בית
אין די היימישע יִדישע אותיות כּ״ב

די בעבעכעס אַלע מיט שמאָכטעס און פּאָקרישקעס
לאָז איבער, איך בעט דיך, בײַ אַנדערע לײַט –
אַ זכר פֿון דײַנע באַמיִונגען קאָטערשע
צו ווערן אַ מאָל אויף אַן אמת אַ לײַט

רק טו ניט פֿאַרגעסן דעם שטעקן בײַ אַנדערע,
דעם פֿרײַנד דעם געטרײַען אין ווײַט־ווײַטן וואַנדערן
און אויפֿריכטיק האַרציק בענטש דעם וואָס פֿאַרבלײַבט
ער זאָל בלײַבן אַ לײַט.

# אַנטי־פֿאַרגעסעניש

אַרויסגעריסן
פֿון פֿאַרגעסעניש
קלאַנגען קלאָרע
ווערטער וואָרע
איידער ווידער
ס׳פֿאַרגייט ס׳געדעכעניש
און אַ פֿאַקט ווערט אַ סבֿרה
וואָס פֿאַרגעסט זיך אַליין
שטיין און ביין
אין הוילער פֿאַרשוועכעניש –
אַ ברכה – פֿאַרדרייט
אין אַן עין־הרע
אין אַ בייז פֿאַרדעכטעניש
מעשׂה עבֿודה־זרהס
אַ פֿאַרשפּרעכעניש

## פֿאַרמאָגסט אַ קול

פֿאַרמאָגסט אַ קול
און אפֿשר דרײַ־פֿיר פּאָר
געטרײַע אויערן
און דאָס איז, דאַכט זיך, גאָר –
דײַן גאַנץ פֿאַרמעגן
דײַן שטים ווערט שטאַרקער און אויך מילדער
ווען אירע קלאַנגען דויערן
בעת די געבענטשטע טעג
פֿאַרטרויען זיך דײַן הויערן
באַגלייטנדיק און מעסטנדיק דײַן וועג
און צאַרטער ווערסט
הגם אין האַרצן בויערן
די שפּיזלעך שאַרפֿע פֿון דעם שוואַרצן פֿלעק –
דעם עק
וווּהין ס׳פֿאַרגייען
אַלע קולות, אַלע ליבע אויערן
אין טיפֿן ניוועץ
אין דעם אייביקן
אַוועק

# איידער וואָס און איידער ווען

ביז דו וועסט תּופֿס זײַן
דעם הוילן אמת
וועט שוין
די גאַנצע וועלט
פֿאַרשטיין
אַז בלויז
דער סוד
מאַכט דורכזיכטיק
און קלאָר דעם רמז
אַז בלויז דער שאָטן
פֿונעם גראָז
אַנטפּלעקט ווי גרויס
די קלעם איז
פֿון רײַפֿן זומער
וואָס פֿאַרלוירן האָט
זײַן מאָס.

## אין גאַנצן טראַפּן צוויי

אין גאַנצן טראַפּן צוויי
אַ וואָרט אַ פּראָסטס
(כאָטש ניט אין גאַנצן) –
אייביק

און ס׳נעמט דיך אום
אַ פֿראָסט
ניט שטיי, ניט גיי
רק לאָז
די אותיות טאַנצן –
א יי ב י ק

פֿון קערן זיך כּסדר
צו דעם וואָרט
טוען די יאַסלעס וויי,
די ציין ווערן שוין אײַליק

נאָך אַלעמען
בלײַבט אויך
דער גרעסטער
אייביק
גאַנץ
אַליין –
צ ײַ ט וו ײַ ל י ק

## נײַע ווינטן

עס בלאָזן נײַע ווינטן,
זאָגסטו,
עס טוט זיך עפּעס,
עפּעס שפּאָגל נײַס:
די אַלטע לידער,
די פֿאַרקלאָגטסטע
באַהויכט מען
מיט אַ יונגן גײַסט.

נאָר וואָס זשע דען? –
נײַ־ווינטן זענען אויך
שוין גרוי
און שטאַרק פֿאַרשעמט
און טאָמער הערט מען
יונגע טענער,
בלײַבט
אונדזער וועלטס געהער –
געהעמט.

און דאָך,
אַף־על־פּי־כן –
באַנײַ איך
מײַן אַלטן פֿלי
פֿאַר קייט און קינד,
און גרייט מיט דיר, מײַן פֿרײַנד,
זיך ״טרײַען"
פֿון אַלטע פּעקעלעך באַפֿרײַען
און ווייען מעשׂה יונגער ווינט.

## ווײַ און ווינט

ווען איך וועל ווערן
אַ ווינט אַ גרינגער
וועל איך פֿאַרגעסן
ווי איך הייס
און אויסגעטאָן
פֿון זין און שווייס
כ׳וועל ווייען, ווייען
ווי ס׳פּאַסט פֿאַר ווינטן
איבער די שטרעקעס
צעדולט, צעצויגן...

נאָר איינס וועל איך
פֿאַר וואָר
געדענקען
און זוכן, נישטערן,
און בענקען –
אין ווײַטסטער ווײַט
פֿאַרפֿלויגן –
דאָס גרין־העל־בלויע
ליכט
– פֿון ים –
פֿון דײַנע אויגן.

*2008*

## ווּ ביסטו, פֿויגל?

ווּ ביסטו, פֿויגל?
כ׳דאַרף דיך נייטיק האָבן.
נאָך הײַנט באַדאַרף איך
אויסהערן דײַן ליד –
אָן דיר, אָן דײַן געזאַנג
וועט מיר
דער טאָג ניט טויגן.

ווי טראָט וואָס מוז
פֿאַרבלײַבן
אָן אַ מינדסטן סליד
בין איך אַצינד אָן דיר.
טאָ ווּ זשע ביסט
פֿאַרפֿלויגן,
פויגל?

צו דיר, נאָך דיר
מײַן בענקשאַפֿט
איינזאַם
פֿליט.

## אָנגעצויגענע סטרונע

*

לערן זיך אויס דעם אַלף־בית פֿון שווײַגן
זאָל דײַנס איבערגיין און דער נאַרישער רעש
זאָל ער זיך ווײַטער וויען ווײַט־ווײַט פֿאַרבײַ
דײַנע דלד אמות פֿון שטילער שווײַגנשאַפֿט
וואָס היט דעם לעבעדיקן אָטעם
וואָס ווייסט אַז שווײַגן מיינט ניט שטום
און עס מיינט חלילה ניט פֿאַרשווײַגן
מערניט שווײַג כל־זמן עס שווײַגט זיך
ביז עס דערגרייכט דיך דער דראַנג
אַרויס מיט אַ קלאַנג אַ הערלעכן
פֿון דער אייגענער אַקוסטישער גניזה
מיט אַ וואָרט אַ וואָרס
צו גאָט און צו לײַט
פֿאַרן עולם,
קבל עם ועדה
דיבוק וגולם
ונאמר: סאַכטיין

* *

ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע
אַ מעמבראַנע
וואָס מאַכט אַ שהכּל
אויף יעדן געוואַקל
פֿון הילכיק
אויסגעשטומטער
מה נשתּנה
גרייט אָפּצוריכטן
דעם מינדסטן שאָקל
הכּל בכּל מכּל...
קול
קלאָר ווי קרישטאָל
אָפּשטויסנדיק
דעם פּחדס טײַוואָלים
תּהו ובֿהו
שהי פּהי
הבֿל הבֿלים

# גלעקעלעס קלאַנג

מע זאָגט אים: למאַי זאָלסטו זינגען,
אַז קיינעם ניט גייט דאָס ניט אָן?
און ער לאָזט זיך ווײַטער וויל קלינגען
ווי אַ גלעקל וואָס גלעקלט דיך־דאָן!

יאָ, אמת! – זאָגט גלעקעלעס וואַקל
דערוועקן כ׳וועל קיינעם ניט מער,
נאָר פֿאָרט אין דעם וועלטלס סך־הכּל
איז אויך מײַן דיך־דאָן עפּעס ווערט.

די זאָגערס מיט ביטער־קרום שמייכל
באַגלייטן דעם זינגערס געזאַנג...
ניט זיי איז באַשערט צו דערגרייכן
דעם צויבער פֿון גלעקעלעס קלאַנג...

# רעדנדיק צו דער צײַט

*אַ מתּנה דעם טײַערן פֿרײַנד באָריס דאָרפֿמאַן*

אין דער שטילקייט זיך פֿאַרקליבן
קוקסט אין איר זיך ווי אין שפּיגל
וואָס זשע טאַקע נאָך געבליבן –
רעדן ייִדיש צו דער וואַנט?
צי צו יענעם אַלטן וויגל
פֿון דער קינדהייטס ווײַטן ראַנד?

צווישן שווײַגענישן פֿילע
הילכט פֿאַנאַנדער זיך אַ תּפֿילה
ביז זי מעלדט זיך הויך און קראַנט:
רעדן רעדסט זיך אויס חלילה
ניט צו דער וואַנט, ניט במחילה
רק־און־בלויז צום שפּיגל סתּם.

ביסט דאָך עפּעס אַ צעלייגער –
טאָ רעדסטו ייִדיש מיטן זייגער,

ביסט דאָך גאָרניט קיין אַליינער
מעשׂה "איך און ווײַטער קיינער."

וואָס דיר ווענט, בעל־רחמים לייענער?!
דו, רעד צום אומרו פֿון דער צײַט –
וועלן דיך דערהערן לײַט!

# איך רעד צו דיר

– איך רעד צו דיר...
– עלעגיש?
– ניין, פּראָזאָדיש:
אַ יעטווידער וואָרט
זיך פּאָרט
מיט גראַם און שטראָם
איך רעד צו דיר
מסתּמא
גאַנץ אַלטמאָדיש
און שטיי בעת־מעשׂה
האַרט בײַם ראַנד פֿון תּהום.
טאָ האָרך זיך אײַן...
– צו וואָס?
– צו אַלץ וואָס אונדז איז טײַער.
צום פֿלאַטער פֿון אַ פּיצל וואַסערפֿאַל
צו שטילן זשומען פֿון אוראַלטן שײַטער פֿײַער
וואָס גריסט אונדז מיט קדמוניש ווײַטן שטראַל
צו טיפֿער פּײַן פֿון אומגעשטילטן אומרו
וואָס מעסט אַהין־אַהער די צײַט פֿון זײַן –

אַ ליד צו דיר סײַ רויִק, סײַ מיט טומל
אַפֿילו ווען ס׳גייט אויס די לעצטע שײַן

## אַז ישיר מעמענטאָ מאָרי

איידער איך שטאַרב
איידער עס ווערט נאָך אַלעמען
אַ ביסל פֿאַרב
פֿון האַרבסט
פֿון בלעטער ערשט געפֿאַלענע

אַ ביסל שקיעה־ליכט
פֿון קורצע בין־השמשותן
אויף ירושלמער בערג־געזיכט
מיט מילדקייט
ניט פֿאַרלאָשענער

אַ זשמענקעלע
בטחון־גראָשנס –
פֿון גרעסטע
אוצרות –
טײַערער

איידער איך פֿאַל
מיט בלעטערפֿאַל
צום יוצר־אור
אַ ליד, אַ לויב
להכעיס
העלישע פֿײַערן

## דרײַ קורצע לידער, זומער תּשע״ד

* * *

די יונגשאַפֿט גייט אַוועק
די שיינקייט בלײַבט זיך עלטערן
און בלויז דאָס בלײַביקע — דער חן
מיט ווידערקול
מיט צאַפּלדיקן פֿון די עלטערן
זיך נעסטיקט
טיף אין דער נשמה
ביז צום ביין.

*יוני 2014*

* * *

טאַטעניו, ליבער,
איך אָטעם איַין ווידער
דיַין וואָרט און דיַין וואָר
צעפּלאַמטע אין לידער,
ווו ס׳לעבן געראָטן
דיַין האַרציקער קול,
דיַין האַפּטיקער אָטעם –
צאַרטער פֿון שמייכל
און שטאַרקער פֿון שטאָל.

טאַטעניו, ליבער,
דיַין ליד, וואָס איז אייניק
מיט אַלץ וואָס איז אייביק
און גלייביק, און קלאָר, –
זאָל באַהיטן, באַשירעמען
דיַין לויטערן אייניק,
וואָס אַוועק איז אַהיים
פֿון זאַט־פֿרעמדן קאַיאָר
צו באַשיצן דיַין וואָר.

*מײַ 2014*

* * *

אין סאַמע בלי פֿון ווילנער זומערהיץ
דערהערסטו דורך פּלאַנשעט
סירענעס ערבֿ פֿײַער
וואָס וויען שאַרף אין תּל־אָבֿיבֿ,
באר־שבֿע און ירושלים –
און ס׳דאַכט דיר אויס די דראָונג אָן אַן עק
וויל ווידער לעבעדיקן אומרו איבערשרײַען
מיט אומגעצוימטער שׂינאה, גרויל און שרעק
אַ תּל מאַכן פֿון אַלץ, וואָס דיר איז ליב און טײַער,
פֿון אַלץ וואָס האָט אַ זינען און אַ צוועק...
אויף שפּורן קוים־קוים אויפֿגעהיטע
פֿון דער פּאַרטיליקטער ירושלים
דליטע...

*ווילנע, אויגוסט 2014*

# שפּראַך־דיאַלעקטיק

איך ציטער
איבער יעדעס געירשנטן וואָרט
איבערן מינדסטן קלאַנג איך ציטער
נאָר ס׳ווערט ניט דאָס האַרץ מייַנס
כ׳לעבן, פֿאַר וואָר –
פֿאַר די רייד מייַנע
גאָרניט פֿאַרציטערט.

ווייַל ס׳פֿליסן די רייד
פֿראַנק־און־פֿרייַ אויף דער וואָר
אַפֿילו ווען ס׳רוען די ליפּן,
אַפֿילו ווען שטומעניש טויבע רייַסט
פֿון מייַן ווענזן אַכזריותדיק שטיקער
אַפֿילו ווען ס׳דאַכט שוין
כ׳לעבן, פֿאַר וואָר –
דו מעגסט שוין דייַן מויל ״פֿאַרזיפּן״,
אויך דאַן, טיף פֿון האַרצן עס שפּרודלט
דער כאָר
פֿון קוואַליקע ייִדיש־גיטער.

פֿון פֿרי באַגינען ביז טיף אין דער נאַכט
הכּלל צווישן יאָגן און טאָגן –
עס שלאָגט זיך אַלץ דורך
מיט אימפּעט מײַן שפּראַך
די רייד מײַנע גאָרניט דערשלאָגן.

איך ציטער
איבער יעדעס ייִדיש וואָרט,
איבער יעטווידן קלאַנג איך ציטער
און ס׳דאַכט צו מאָל אויס, אַז
כ׳לעבן, פֿאַר וואָר –
כ׳בין בלויז זייער יורש און היטער...

נאָר יאָדערדיק
ס׳פֿליסט איבעראַל און עס דרייט
דער קאָכיקערווירבל
פֿון אייגענע רייד
וואָס איך בין זייער געביטער.

*2004*



# ווײַנטרויבן פֿאַר דער נשמה

# אַ קול אין וואַלד

אַ קול אין וואַלד
ווּ עס לעבט ניט גאָט
און קיין מענטשלעכן שאָרך
ניט דערשפּירסט צווישן ביימער

ווּ די יונגשאַפּט ווערט אַלט
און דער סוד פֿונעם סאָד
פֿאַרבלײַבט ניט־דערהאָרכט,
געשטרויכלט מיט שטיינער...

אַ געזאַנג ניט פֿאַר דיר,
ניט פֿאַר קיינעם געדאַכט –
איבער אַלץ וואָס פֿאַרגעסט זיך
אויף אייביק...

אויף אייביק?!

עס צעקרעכצט זיך –
דאָס קול, דער געזאַנג
און ס׳דערוואַכט
דער ביטחון אין אַלץ
וואָס איז שטאַרביק
און גלייביק

# שטילעניש

די שטילקייט איז אַן אײַנגערעדטע זאַך
וואָס מ׳דערהערט אין איר, טיף־טיף אין אויער,
ווי אומגעהײַער אומאויפֿהערלעך וואַכט
די פֿרישע זשומעניש פֿון לעבעדיקן דויער

און ס׳דאַכט צו מאָל ווען ניט דער גאָב פֿון שווײַג
וואָלט גאָר די וועלט מער ניט געהאַט קיין תּיקון

געשרייען ווילדע אײַנגעשפּאַרט אין שטײַג
זיך אומגעריכט מיט שטילעניש דערקוויקן

## היימקער

אַז דו טוסט קערן זיך אַהיים
ווערט יעדער שפּאַן דיר גרינג און ליב
און היימיש נאָענט יעדער שטיין
און יעדער ווענד, און שטעג, און גרוב

רק היט זיך, ברודער, ניט פֿאַרזאַם
דעם איבערגאַנג פֿון סתּם צו שטאַם
דעם איבערבײַט פֿון זאָרג אויף גראָז
בעת דו שפּאַנסט באָרוועס אויפֿן גלאָז

צעבּרעקלטן דיר אויפֿן וועג
צו היים־און־צײַט וואָס איז פֿאַרבײַ
אַבי פֿון זיך ביסט ניט אַוועק
איז שוין דער וועג אַהיים כּדאַי

איז אויך דײַן לידל מער ניט שטום
און ס׳טרייסט די וועלט דיך: קום שוין, קום
אָט ווערסט זיך אומקערן אַהיים –

צו אַלץ וואָס איז באַהויכט מיט חן
און כאָטש דער קריקוועג איז אַ בלאָף
דו, קער זיך אום אַהיים צום סוף

# מת אָבֿ ומת אלול

*לויט שמואל הנגיד*

געשטאָרבן חודש אָבֿ
און אויך דער חודש אלול
דערנענטערט זיך לסוף
צו יענעם סומנעם הבֿל,
ווו ס׳וועט צו אים דערגיין
מיט יאָמערלעך געשריי,
מיט אָרעמס אָפֿענע
פֿאַראומערט דער תּשרי.

און אויף דער וועלט
שוין קומען גאָלע קעלט.
דער ווייַן ווערט רויט
און רויטער. און ס׳פֿאַרפֿעלט
זייַן קול פֿון טרוים
דעם ליימענעם געצעלט,
און אַלץ ווערט בלאָטע, שטויב
פֿאַרשווינט, פֿאַרוועלקט...

דעריבער, ליבער פֿרײַנד,
ניט זאַם זיך, לאַנג ניט קלער
און ברענג מיט זיך שוין הײַנט
די גוטע לײַט אַהער –
פֿון נאָענט און פֿון ווײַט,
פֿון הי און פֿון דער פֿרעמד,
אַיעטווידער זאָל גלײַך
טאָן וואָס ער האָט פֿאַרקלערט.

האָט מען געזאָגט: דו, זע,
די כמאַרעס זאַט און פֿול
מיט רעגנס זענען גרייט
פֿאַרטרערן אַלץ אָן גבֿול.
און צוגעגעבן: הער,
די הימלען אין דער הייך
מיט דונער, אָך־און־ווײ,
דערגרייכן באַלד אַהער.

און זע: פֿאַר דיר – דער פֿראָסט,
און אויך, פֿאַר דיר – דער פֿלאַם.
דער – קומט אַראָפּ ניט פּראָסט
און דער – אויך גאָרניט סתּם, –

דער שניי־און־פֿראָסט: אַראָפּ,
דער פֿלאַם פֿון ווײַן: אַרויף.
דו, דאַר דיר ניט דעם קאָפּ,
דערפֿריי אין זיך דעם גוף.

טאָ שטיי זשע אויף, מײַן פֿרײַנד,
פֿון בעכער און פֿון קרוג
נעם טרינקען אָ־דעם ווײַן
וואָס רויט איז ווי דײַן בלוט.
נעם טרינקען מיט אונדז מיט
בײַ טאָג און אויך בײַ נאַכט
און טרינקען ווער ניט מיד
לזכר זומערס פּראַכט.

## ווײַנטרויבן פֿאַר דער נשמה

אין חלום, וואָס כ׳האָב דיך אין אים אויסגעפֿיבערט,
האָב אויסגעהויכט דיר, טיף דיר אין די אויגן,
דעם לירישן פֿלי פון מײַן מאָרגן. זײַן נאָמען?
זײַן נאָמען, כ׳טו גלויבן, איז פּשוט: ווײַנטרויבן
פֿאַר דער נשמה

און כ׳ווייס, דו וועסט גערן מיטפֿליִען אינאיינעם
אַלץ ווײַטער פֿון שרעק און פֿון גוואַלד און פֿון רויב, אום
צו שאַפֿן דעם עיגול אין דער לופֿט אויסגעשלומט
בײַם קלײַבן דערהויבן צוזאַמען – ווײַנטרויבן
פֿאַר דער נשמה

צו קיין גרעסערן אוצר בײַם אויסהויך פֿון רײַפֿקייט
וועט דער גרעסטער בר־מזל זיך ניט דערקלויבן –
מע דאַרף ניט קיין אַנדערע לוין, קיין הסכּמה –
רק פֿליִען און לויבן מיט דיר די ווײַנטרויבן
פֿאַר דער נשמה

## ערבֿ ראש־השנה תּשע״ה

אַ טויבע נאַכט אין דרויסן זיך צעוויקלט
אַפֿילו די לבֿנה שווײַגט חלשות־בלאַס
רק ווײַטע שטערן בגילופֿין ווי באַפֿליגלט
אויף לשון־קודש זיך צעווערטלען מלא־שפּאַס.

מיט אייביק פֿרישן גרוס העט ממרחקים
פֿאַרטרײַבנדיק אַיעטוויד שפּור פֿון שלאָף
דערמאָנען זיי דער וועלט בבֿחינת קבֿ ונקי:
אַז ס׳קומט אַ נײַער בראשית נאָך אַיעדן סוף.

## דו ווייסט, מײַן טרײסט?

דו ווייסט, מײַן טרייסט,
ווי טרייסטלאָז כ׳בין אָן דיר?
אַ ליידיק אָרט,
אַ קנויל
פֿון אומרו
אָן אַ שיעור,
אַ שירעם אָן אַ רעגן,
אָן אַ זון,
אַ קויל אָן גלי,
אַ קול –
אי פּוסט,
אי שטום.

# דרײַ און פֿיר – אַכט באַזונדערע סטראָפֿן

1

אַ ליד ווי קורץ עס זאָל ניט זײַן
באַדאַרף צום אָטעם אַ שלל מיט לופֿט
אַז דער אַרום זאָל זײַן אַנטגופֿט
פֿון אותיות־פֿרייד פֿון ווערטערפּײַן
וואָס לויערן טאָג־אויס, טאָג־אײַן,
אַז בלויז דאָס ליד מיט אייגן שײַן
זאָל זײַן צו אַנדערע – אַ רוף...

3

אַ בוידעם לאָזט זיך אויס פֿון אַלץ וואָס האָט גאָר קודם
קיין פֿעסטן באָדן אונטער פֿיס נאָך ממש ניט געהאַט.
נאָר וואָס זשע דען? מע ווייסט ניט כּלומרשט אַקוראַט
למאַי ס׳איז אײַנגעפֿאַלן מיט אַ טראַסק דער בוידעם!
מערניט עס רײַסט אויף זיך די האָר מיט צאָרן אַלץ ״נאַש בראַט״,
מע קריכט אויף גלײַכע ווענט צי פּראָסט־און־פּשוט – גלאַט
פֿאַר גרויסן חי־וקיים שרײַט מען: הודו, הודו, הודו!...

4

שוין לאַנג דיך ניט געזען אין מײַנע דלד אמות
זיך שטאַרק פֿאַרבענקט נאָך דײַנע שיינע האָר
און כ׳זוך כסדר ס׳ליכט פֿון דײַנע אויגן פּאָר
ווײַל ס׳גייט אין איכות, ליבע מוזע, ניט אין כּמות
און איכות גלאַט אָן דיר כ׳שטעל מיך ניט פֿאָר
דעריבער כ׳בלאָנדזשע ווײַטער ביז קאַיאָר:
וווּ ביסטו? דאָ, צי דאָרט? אויף זיכער, צי מסתּמא?...

8

געזוכט שוין לאַנג אַ קורץ געפּאַקטן אופֿן
צו כאַפּן עפּעס וואָס, ס׳זאָל ברייטער זײַן און קלאָר –
ניט צו פֿאַרפֿעלן עפּעס גרעסערס אויף קיין האָר
בײַם אָנלייגן דעם פֿינגער צו בודק זײַן דעם דופֿק –
צי קלאַפּט ער טאַקע ריכטיק אויף דער וואָר
צום טאַקט פֿון אַלץ וואָס מאַכט משוגע אונדזער דור.
ניט פּרעטענדירנדיק דערבײַ צו זײַן קיין שטיקל רופֿא...

6

אַז וועסט קומען צו גיין און צו פֿליִען קיין ירושלים
העט ממרחקים אָנקומען מיט דופּטן פֿון ריַיפֿן סאָד
וועלן שטיינער אוןביימער זיך שאָקלען אין ראָד
דיך באַגריסן, דיך בענטשן – ״לשלום־לחיים!
זאָלסט שוין מער ניט פֿאַרלאָזן די שטאָט,
זיך ניט רירן אַוועק אויף קיים טראָט!״
וועסטו גרייט זיַין לעולם פֿאַרבליַיבן בִרשות השמים

2

ווען אַלע סופֿן טרעפֿן זיך אינאייעם אויף אַ וויַילע
און ס׳דאַכט אַז אָט עס קומט אַרויס פֿון דעם אַ טאָלק –
פֿון אַ צעדריבלט רעדל וועט אַ זשוואַווע פֿאָלק
און פֿון געזאַנג של־מטה – שיר־של־מעלה,
דערהערסטו גאָר: אוי, ביסט, מיַין פֿריַינד, אַ באָק!
דאַן אויף אַזאַ מין מי־שברך טוסט אַ זאָג:
ס׳האַרץ וועט ביַי איַיך אַ תּל אין זעקעלע פֿון ניַילאָן.

5

ס׳איז מעגלעך גאַנץ נאָרמאַל דאָס משוגעת
ווען אַלע די, וואָס שפּאַנען כּלומרשט ניכטער,
זען גרייט פֿאַרמישפּטן און שטראָפֿן מעשׂה־ריכטער
דײַן וואַקלדיקן גאַנג לענג־אויס דער גאַס.
זיי בורטשען בייזלעך שאַרף: ווּהין דאָס קריכט ער?!
און קרימען איבער ווי פֿון עקל די געזיכטער...
נאָר דו, צוריק צום גלײַכגעוויכט, גייסט ווײַטער גלאַט, אָן כּעס.

7

באַלד וועט ניט ווערן אויך דער לעצטער שפּור
נאָר וואָס זשע דען? זײַן זכר וועט זיך מערן
און וועט זיך טויכן, צאַפּלען, וועט זיך ווערן,
מיט אויסגעבענקטער קראַפֿט און מיט בראַוווּר
אין ליד, אין וואָרט, אין טאַט; אין די געדערים
פֿון וועלט־נשמהס טרײַע אינזשעניערן
אין זייער קונציק פֿײַנער נערוור־אַפּאַראַטור...

*ווילנע, אויגוסט 2015*

## ווענוס

צי קען מען דען געבוירן ווערן עלעגאַנט
אָן בלוט, אָן שליַים? אַזוי ווי יענע געטין,
וואָס איז אַרויס פֿון כוואַליעס שוים, פֿון ים –
דער וועלטס ווירוואַר
מיט הוילער ליבשאַפֿט צו פֿאַרגלעטן?

צי קאָן דען דאָס געבוירן־ווערן זיַין
אי קלאָר אי זויבער ווי די לידער ביַי פּאָעטן
וואָס שפּאַנען קונציק איַין אין גראַם
דעם אומרו און דעם פּיַין
אין שעה אין איינזאַמער, אין שפּעטער?

דעם ענטפֿער ווייסט אַפּנים רק דער ווינט
וואָס איבער אַלץ אויך וויַיטער ווייען וועט ער,
נאָר ווייען אָן אַ שיעור – אַ קנאַפּ געווינס
אויב דו ביסט להוט טרעפֿן זין פֿון גאָט
דעם איינציקסטן צעווישן אַלע געטער.

## פֿאַרוואָר

דו זאָגסט: די דיקטאַטור פֿון גראַם
צווינגט אונדז פֿאַרבלײַבן גאָר אָן קאָפּ,
איבער זײַן טראַסק און טאַרעראַם
פֿון זינען גייען מיר אַראָפּ.

און איך, וואָס קאָן איך זאָגן שוין?
אַז לויט דער מאָס און לויט דער ראַם
צעוואַקסט זיך פֿראַנק־און־פֿרײַ דער בוים
און אויך ס׳צעברעכנט זיך פֿלינק דער פֿלאַם?

רק כ׳ווייס, אָן גראַם איז שווערער גאָר
און ס׳וועט ניט העלפֿן קיין שום ״נאָר"
מערניט די לעצטע פּאָר, פֿאַר וואָר,
שליס איך אַצינדערט אָן שום גראַם - - -

# צײַט – שטערן – בוים

## 1. די צײַט

מיר באַוווינען אַ צײַט גאָר ניט וויסנדיק
אַז איר אָנקום און אומקום איז ניסימדיק

אַז איר איינציקע וואָרע באַרעכטיקונג
ליגט אין מענטשלעכן ווילן זיך מעכטיקן

זיך אַליין איבערשטײַגן און קלעטערן
און וואָס ווייניקער זיך צו פֿאַרגעטערן

נאָר ווען ס׳קלעטערן ווײַטער ווערט צײַטיקער
ווערט די צײַט איבערראַשט און דערווײַטיקטער

און דער אָנזאָג פֿון מאָרגן ווערט לעכערלעך
פֿון דעם נעכטן בלײַבט לעכער און לעכעלעך

ווײַל מיר יאָגן די צײַט גאָר ניט גלייבנדיק
אַז מיר זענען
איר סוף
און איר אייביקייט

## 2. שטערן

טײַערע, גאָלדענע, הײַטערע שטערן,
גלייבט ניט יענע, וואָס גלייבן
אַז זיי קאָנען דערקלערן
אײַער לויטערן, ציכטיקן, ליכטיקן גאַנג.

גאָלדענע שטערן – טײַערע וועכטער,
ווער סע קאָן אײַך פֿאַרשטיין אָן אַ ברעקעלע באַנג,
איז גאָר ניט קיין רעכטער דערהערער קיין עכטער
פֿון אײַער קאָסמיש געזאַנג.

טײַערע, ליכטיקע הימל־געזעלן,
צי ווייסט איר ווי שטאַרק
דורכן טאָג טוט איר פֿעלן

דעם, וואָס פֿון אײַך האָט אַ שמצל אַנונג,
דעם, וואָס פֿאַרגלייבט איז אין אײַער פֿאַראַנונג,
וואָס הויערט העט ווײַט צווישן פֿאַלן און העלן –

טײַערע וועלטברידער, טרײַע געזעלן

## 3. דער בוים

דו זוכסט דעם בוים און קאָנסט אים ניט געפֿינען:
דער טײַך איז דאָ, דאָס פֿעלד מיט גראָזן גרינע,
דער זעלבער פּלויט, כּמעט די זעלבע זונענשטראַלן.
נאָר ווו איז ער, דער בוים?
ניטאָ, פֿאַרפֿאַלן...

דו זוכסט און זוכסט דעם בוים וואָס דאַרף דאָ שטיין און וואַקסן
און ניט געפֿינסט קיין סימן פֿון זײַן שאָטן,
וואָס אין זײַן שויס איז דיר אַ מאָל געראָטן
פֿאַרנעמען און פֿאַרשטיין די שפּראַך פֿון צווײַגן־אַקסל.

אַ גאַנצן טאָג: דו זוכסט, און זוכסט, און זוכסט פֿון פֿרי־באַגינען
דעם בוים דעם מעכטיקן וואָס פֿלעג דאָ שטיין און שטאַרצן...
ביז זײַנע שטאַרקע וואָרצלען שוין אַליין דעם וועג געפֿינען,
פֿאַרנעסטיקן זיך טיף בײַ דיר אין האַרצן

*ירושלים - אָקספֿאָרד, 1999-2000*

# מײַסטערשאַפֿט

װײסן װײס איך אַז דער עסק
איז שױן אײגנטלעך פֿאַרבײַ
נאָר דאָס מאַכן זיך ניט־װיסנדיק
מיט אַ שמײכל זיך באַגריסנדיק
איז אװדאַי און אװדאַי
נאָך כּדאַיער פֿון כּדאַי

גרױער װערט דער קלאַנג,
מעטאַלענער –
נאָך די לעבנס
די פֿאַרפֿאַלענע
און דער הימל ז׳פֿול מיט בלײַ

פֿאָרט װאָס טױג די װעלט
נאָך אַלעמען
אױב אין די הײכן שװעבט די כּלה ניט –
דער בת־קול אַ שמײכל שטראַלנדער
אױף דער פֿרײַ?

הייב איך אויף דעם קאָפּ
ניט אײַלנדיק
און באַגריס איר שמייכל
שטראַלנדיק:

ווייס איך וואָס!
איצט ווייסן ווייס איך
ס׳דופֿקט, דאַנקען גאָט, דער עסק
און אַלץ מילדער ווי פֿון עסיק
זיך צעגייט
דעם הימלס בלײַ

*ירושלים, 2006*



# אַ שווימאַוועקעניש

## מיר שטאַמען...

מיר שטאַמען פֿון אָדם־הראשון,
פֿון זייַנעם פֿון ערשטיקן גאַנג
אויף וועג און אויף שטעג,
אויף בענק און אויף טישן
מיט זייַנעם אורשפּרינגלעכן דראַנג.

דורך שקר מיט אמת, אין צווישן,
צום ווייַטן און איינציקן ברעג –
אַהער צו צו טוט ער אונדז גריסן
מיט ברכות פֿון אוראַלטע טעג.

און אין די שלייפֿן – ס׳געוויסן
מיט פֿרייד און מיט אַנגסט
און מיט טרייסט
טוט יאָדערדיק קלאַפּן און שיסן:
– דו ווייסט,
ליבער ברודער, דו ווייסט?

און אַ ווידערקול טוט פֿון דיר פֿליסן:
– איך, ווייס, טאַטע זיסער,
איך ווייס!

און ווידער באַגרײַפֿסט שוין
אויף זיכער
מיט קרעפֿטיקן זבענג
ווי מיט פֿויסט אויף קלאַווישן:
מיר שטראָמען
פֿון אָדם הראשון!
מיר שטאַמען
פֿון אָדם־הראשון!

## טאָמער סטײַען די יאָרן

איבער בערג און איבער טאָלן
לויפֿן, יאָגן זיך די יאָרן
און די אויסגעייִנגטע כּוחות
קוים זיי קלעקן נאָך. די מוחות
פֿון זכרונות אָנגעשוואָלן,
און די טויבן – פֿליִען, פֿליִען
אַלץ אין פֿאָרן
אַלץ אויף דרום
דעם סך־הכּל אונטערציִען
איבער וואַלד און פֿעלד אין קאָרן.

שטרעק זשע אויס
צו זיי דײַן אָרעם
און צו זייער פֿליגל פֿאָכען
הייב אָן
זינגען, זינגען, זינגען
איבער פֿעלדער, איבער וועלדער
בערג און טאָלן;
טו זיי גריסן
טאָמער וועלן סטײַען יאָרן
דײַן געזאַנג זאָל ווײַטער פֿליסן...

# איידער חי ווערט ל״ו

*דעם ליכטיקן אָנדענק פֿון שיקל פֿישמאַן ע״ה*

לאָמיר זינגען אונדזערע לידער
פֿון סוף צוריק צום אָנהייב
וואָס קאָן זײַן שענער ווי צוריקגיין
צום אָנהייב אַז מע טוט בשלום
איבערלעבן אַזש דעם סוף

לאָזט אײַך דינען, שוועסטער, ברידער,
ס׳וואָרקען ווידער די טויבן
זייער געזאַנג – הוילע גרינקייט
איבער בראשית, בערג, און טאָלן
איידער חי ווערט ל״ו

# לזכר אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט

איינער דערזעט דעם סוף
פֿון דער,
איינער – פֿון יענער
זײַט פֿון שלאָף
דו האָסט דערזען
דעם גרויסן אַדערויף
דעם גרענעצלאָזן שׂכר
פֿון ביידע זײַטן
פֿון דעם גזר

דער האָניק ביטערער פֿון צער
דערגאַנצנדיק דעם גאַנג
גלײַך כלומרשט אָן שום באַנג
פֿאַנגט דיך מיט שטאַרביקייט
פֿון צײַטן

און דאָך צום תּוך פֿילפֿאַרביקן
דערלאַנגסטו מורמלענדיק:
״איך האָף
פֿון ביידע זײַטן שלאָף
צונויפֿצופֿאָרן אַלע ווײַטן״...

## כאַפּן אַ שפּור

יאָ, טאַקע אַזוי זעען אַלע מיר אויס –
ניט תּמיד בײַ דער נאַטור אויף דער שויס,

לאו־דווקא אין קאָך און אין ווירבל פֿון שטאָט,
ניט שטענדיק אין גאַנצן מיט אַלעמען גראָד.

מיר בלאָנקען דורך ווינטער, דורך זומער, דורך האַרבסט
ביז ווידער, דער פֿרילינג באַלעבט אונדזער אַנגסט

און פֿיבער, און אומרו, און דאָרשט אָן אַ שיעור
זיך דורכברעכן ווײַטער דורך אַן אָפֿענער טיר

צו דער שויס פֿון דער שטאָט, צום רוים פֿון נאַטור
צו כאַפּן דער אייביקייטס קליינטשינקסטן שפּור...

## אַ שווימאַוועקעניש

דו שווימסט אַוועק טיף אין געדעכעניש
פֿון ווײַטע טעג
דײַן הײַנט, דעם מאָרגנס אַ פֿאַרשוועכעניש,
שווימט אויך אַוועק

און דאָך צו מאָל דײַנס אַ פֿאַרשפּרעכעניש
טויכט אויף מיט בליץ –
ס׳געוועזן דײַן יונג־און־בראַוו צעשטעכעניש
אַ גוטער וויץ!

און אין דעם עכאָ פֿון דײַן רעכעניש
פֿאַרבלײַבט ביז לעצט
דער אומרו נאַרישער און לעפּישער
פֿון קלוגן, איבערקלוגן ל׳ץ

און פֿון דעם קאָכעניש
און ברעכעניש
פֿון טעג אויף נעכט
שווימסטו אַוועק
אין שווימאַוועקעניש,
און שוין, אַן עק!

## יע, יע

דער דיכטער האָט געשוויגן זעלטן
נאָר מערסטנס פֿלעג ער זאָגן רק:
יע, יע
און מיט דעם זאָג געפֿאַנגען
ביידע וועלטן
אי די פֿון שירה
אי יעניקע פֿון פּראָזע
און דער עיקר –
ני בע, ני מע,
ני קוקעריקו –
אין פֿולער מאָס
אַ הילכעדיקע דאָזע
סײַ ניכטערלעך
און סײַ אַ טראָפּל שיכּור
פֿאַרברידערט זיך מיט יעטווידן
וואָס ווייסט דעם טאָלק אין פּאָזע
פֿון עכטן דיכטערלעכן דיכטער
אין היטל

״נאָן־קאָמיטל״
מיט אַ דאַשיק
צו מאָל אַ שטילע טויב
צו מאָל אַ פֿויגל וואָס זינגט רעשיק
מיט זיך אַליין אין אייביקן געוועט:
יע, יע
ני בע, ני מע
און פּלוצים דווקא –
קו־קע־רי־קו!
געטראָפֿן גלײַך דעם עיקר –
אַן אמתער
אַ הערלעכער
פּאָעט...

# אַ שמייכל

צום לעצטן מאָל גלײַך ווי צום ערשטן מאָל
מיט פֿייגעלעך אין בויך
מיט יאַשטשערקעס אין שמייכל,
דערהערסט אויף ס'נײַ דער מאַמעשיס בת־קול

נאָר קאָנסט צו אים, ווי פֿריִער, ניט דערגרייכן

אַ רגע פֿליט פֿאַרבײַ און ווי אַמאָל
טוסטו אַ קלער: צי אפֿשר דאָרטן, אין די הייכן,
דערגרייכן וועט צום לעצטן ווי צום ערשטן מאָל
דער מאַמעס קול דײַן ווייטאָגדיקער שמייכל?

# אַזוי ווייל איך זינגען

און אַזוי וויל איך גריסן דעם סוף
מיט געזאַנג
מיט געזאַנג
און מיט דאַנקשאַפֿט
און שליסן מיט אייביקן שלאָף
איבער צוואַנג
איבער צאַנק
אַ באַקאַנטשאַפֿט

און דעם ליכטיקן, ציכטיקן דאָ –
גרויסן דאַנק
גרויסן דאַנק
וואָס איך קום אים פֿון לאַנג שוין
זאָל אויף אייביק געבענטשט
זײַן די שעה
העלע שעה
פֿון אונדזער פֿאַרוואַנדשאַפֿט

כ׳וועל מסתּמא ניט בעטן

מער ליכט

ווײַל אויף בעטן

וועל זיכער ״זײַן קראַנק שוין״

בלויז אַ קוש טאָן

מײַן ליבשאַפֿטס געזיכט

מײַן ליבשאַפֿטס געזיכט

מײַן טיף אייגענעם לאַנדשאַפֿט

און אַ זאָג טאָן

אַ זאָג טאָן

אַן ערך אַזוי

אַזוי לפֿי־ערך

כ׳שענק אַוועק דיר,

מײַן ליבע,

מײַן אור־ערשטן אוי,

מיטן שטויב,

הימל־שטויב

פֿון מײַן ערדישן דרך



# מעשׂה־שמייכל

## פֿייסבוק פֿרײַנדשאַפֿט

מיר האָבן זיך באַקענט ריין ווירטועל
און ווירטועל געווען איז אונדזער ליבע.
געחבֿרט זיך, נאָר איבער פֿייסבוקס שוועל
אין דער רעאַלקייט קיין מאָל ניט אַריבער.

ביז איינער איז פֿאַרפֿאַלן אויף אַ ווײַל –
גלײַך ס׳לעבן האָט געטאָן אַווילדן קײַקל
און דו ווי אַ פֿאַריתומטער דערווײַל
שיער זיך געעקט אָן יענעמס פֿרישן "לײַקל".

נאָר פֿאָרט ס׳אי דאָ נאָך יושר אויף דער וועלט –
דער אויסגעפֿעלטער פֿרײַנד ז׳צוריקגעקומען!
אים אויף דעם פֿייסבוק טוסטו גלײַך אַ שטעל
אַרײַן אַ טעפּל פֿרישע ווירטועלע בלומען.

## אַ פֿילאָסאָפֿישער ראָמאַן

לאָמיר שפּילן אַ פֿילאָסאָפֿישן ראָמאַן:
דו אויף מײַן בענקל, איך אויף דײַן דיוואַן

איך דיר – אַ קישן,
דו מיר – אַ קיכל.

דו מיר – אַ טרער,
איך דיר – אַ טיכל.

דו מיר – אַ שטעכל,
איך דיר – אַ סטיכל.

און ביידע אין איינעם:
– איך׳ל, איך׳ל, איך׳ל!

אַזוינס האָט נאָך בײַ קיינעם
גאָר ניט געטאָן צו קריכן!

לאָמיר ביידע
פֿאַרפֿירן אַ ראָמאַן –
אַ פֿילאָסאָפֿישן
אָן תּרעומות,
אָן גאַל,
אָן נאָכווייענישן
קאַטאַסטראָפֿישע.

און טאָמער ניט,
איז אויך ניט געפֿערלעך –
אַבי אונדזער ליבשאַפֿט
בלײַבט
פֿילאָסאָפֿיש
(ה)ערלעך.

## רויז און גרעזל

אַ רויז האָט זיך פֿאַרליבט אין אַ סקאַרבאָוונעם גרעזל
און בייגט זיך צאַרט און ציטעריק צו אים,
נאָר גרעזל קאָן אַלץ ניט באַגרײַפֿן אַזאַ מזל
וואָס איז לכל־הדעות גאָרניט אַזוי שלים.

ר׳שטייט ווי אַ גולם – אָגעבאַרעט, גאָר אָן לשון
און ציטערט, גיט זיך ניט פֿון אָרט קיין ריר
און בלײַבט אָפּהענטיק שטיין אַלץ בײַ דער טיר
ביז ס׳ווערט דער פֿלאַם פֿון רויז שיער ניט פֿאַרלאָשן

עך, גרעזל, גרעזל, סאַראַ בראָך אויף דיר!...

## מעשׂה־גוגל

אין דײַן היימיש ענגן חוגל,
אינעם קרײַזל פֿון דײַן דאָ־זײַן
טוסט אַ מאָל זיך אַ צעגוגל –
גאָט, מײַן גאָט, וואָס דאָ באַווײַזט זיך?!

וויפֿל נאַרישקייט און וויסן,
וויפֿל פּרטים און קוריאָזן
טוט אַלץ שוועבן, שפּרינגען, פֿליסן –
אין מײַטקעס, פּעלצן, לעדערהאָזן!

ווערסט מגולגל דורכן גוגל
אין אַ שפּײַכלער פֿון שיריים,
וואָס דו ביסט מער ניט מסוגל
זיי געהעריק צו פֿאַרדײַען...

׳זוי פֿיל פֿרײַנד און ׳זוי פֿיל שׂונאים,
׳זוי פֿיל פֿרייד, און כּעס, און צאָרן!
צווישן גוגלס מחותּנים
גיך צעטרענצלט מען די יאָרן...

## ראַנדע ווו?

דו זוכסט דעם מאָרגן
און באַמערקסט ניט
אַז ער, דער מאָרגן,
איז שוין הײַנט.

און איך,
איך זוך און זוך
דעם נעכטן,
נאָר ס׳דאַכט מיר אויס –
דו האָסט עס פֿײַנט.

איז אפֿשר
איידער זיך פֿאַרבאָרגן
און אַלץ נאָר
פֿון דעם נעכטן באָרגן,

צי אויגן אויסקוקן
אויף מאָרגן,
וואָלט בעסער זײַן,
אַזוי מיר שײַנט,

מיר זאָלן ביידע
פּראָסט, אָן זאָרגן
זיך טרעפֿן
הײַנט?

*2007*

# מעשׂה שונרא

״פֿאַרקויפֿט״ האָב איך די פֿרומע קאַץ
בתּרי זוזי, בתּרי זוזי
די גראָווע קאַץ געפֿאַרבט אויף שוואַרץ
גאָר אָט אַזיי
גאָר אָט אַזיי!

און ס׳טוט ניט באַנג די זוזים צוויי
וואָס איך האָב גלײַך געקויפֿט פֿאַר זיי
מײַן ייִנגעלע – אַ ציגעלע
אַ ווײַס ווי שניי
אַ ווײַס ווי שניי.

נאָר ס׳קערט זיך אום די פֿרומע קאַץ
אין נאָז בײַ איר – רק פֿליי
און גיט דעם ציגעלע אַ קראַץ
אַ בייזן קראַץ
אוי־וויי!

האָב איך דער קאַץ
שוין נײַן מאָל תּרי
געגעבן פֿון מײַן טאַש
אַבי מיט ציגעלע מיט ריינס
זי זאָל ניט טאָן קיין נאַש.

די פֿרומעוואַטע, ״שוואַרצע״ קאַץ
באַלעקט זיך און באַקראַצט
און טוט אַלץ קוקן ווילד אַזוי
גלײַך ס׳וואָלט – ביי מיר
אין נאָז אַ פֿלוי
פֿאַרזוכט אַ המן־טאַש.

דאַן זאָג איך צו דער קאַץ אַזוי:

וואָס שטעקסטו דאָ? מה רעש?
אָט שענק איך דיר נאָך צוויי גילדוין
נאָך צוויי גילדוין
נאָך צוויי גילדוין
מיט סינגל מאָלט אַ פֿלאַש.

דאָס ציגעלע פֿאַרלעקט די ווּנד
די קאַץ ציילט איבער פֿונט נאָך פֿונט
איך ווינטש זיי ביידן רק געזונט
עס לאָזט זיך אויס דער בלוטן־בונד.

די מעשׂה – ריינער שונד,
די ביזנעס גייט צו גרונט...

## דזשים

אַנטקעגן איבער אונדזער הויז,
דער עלנטער, דער שמייכלענדיקער שכן
האָט קיין מאָל ניט פֿאַרלאָרן זײַן בטחון,
אַז ער ׳עט אויסלעבן די יאָרן זײַניקע,
ווי ס׳מאַכט זיך,
ביז ער ווערט פֿינף צי זעקס־און־אַכציק.

די גאַנצע גאַס
האָט דאָס פֿאַרגונען אונדזער שכן,
און דאָך נאָך גאָר קיין פֿינף־און־אַכציקער
ווערט ער אַ שוכן
עפֿר...

אַן אַלטע מעשׂה כ׳לעבן:
נאָך די יאָרן קומט דער שׂכל...
אין הימל קעגן איבער אונדזער הויז
קוק איך זיך אַרײַנעט –
טאָמער
דערזעט מען דאָרטן צווישן כמאַרעס
דעם שכנס ביטער־ווייכן שמייכל.

*1993*

# מילך און וויסקי

איך געדענק דעם טעם פֿון וויסקי
און דעם טעם פֿון רויע בולבעס
און דעם טעם פֿון פֿולער ציצקע
און דער מאַמעס פֿרישן מילעך –

און כ׳דערמאָן זיך: וויסקי־שמיסקי,
ווען פֿון קראַמפֿן ווערט דער מוח
שטאַרק פֿאַרדרייט – קײַסט רויע בולבעס
און פֿון ווײ פֿאַרגלאָצט די אויגן
שעפּטשעסט אויסעט:
״מאַמע, מאַמע - מילעך וויל איך
מילעך, מילעך.״

ביז ס׳פֿאַרגייט דער ווײ־ווײ־ווייטיק,
ס׳קומט די צײַט צו טרינקען וויסקי
און ס׳מער, דאַנקען גאָט, ניט נייטיק
פֿליעסקען מילך איבער די פּיסקעס...

נאָר אויך דאַן, גוט בגילופֿין,
גלײַך וואָלסט זײַן נאָך אַלץ גאַנץ ניכטער –
שעפּטשען ליפּן: "מאַמע, מילעך,
ליבע מאַמע, מילעך וויל איך..."

**פֿאָרט אַ דיכטער!**

*אין דער לופֿטן צווישן סטאַמבול און ירושלים*

*אויגוסט 2015*

## דאָס גרעזעלע

פֿון צווישן אַלעווילדע גראָזן
שטאַרצט אַרויסעט איינס אַ גרעזל
מיט צעפּראַלטע אָרעמס,
מיט בעטנדיקע אייגעלעך,
מיט אַ שמייכעלע
פֿון אַ נעבעכדיק ווענז:

– נעמט מיך אויף, ליבע ביימער,
דערהייבט מיך צו זיך, און שוין!
לערנט מיך אויס, ליבע ביימער,
איך זאָל אויך אויסוואַקסן אַ בוים!

דורך די ביימערס צווײַגן,
דורך די צווײַגנס בלעטער
טוט פּאַוואָליע שטײַגן
אַ שאָרכעניש אַלץ העכער:

– בידנע, בידנע גרעזעלע,
אונדז פֿאַר דײַן גרין העלדזעלע,
ווער האָט דיך נאַרײַעט פֿאַרוועלן
צו זײַן אַ בוים?

ביסט דאָך פֿאַר זיך אַ גרעזעלע –
אַ גאַנץ וואַזשנינקער פּאַרשוין...

הייסע, גרינע טרערעלעך
פֿאַלן שטיל אַנידער, –
אויפֿן גראָז צעטראָטענע
ליגן מײַנע לידער.

*אָקספֿאָרד 1993*

# אינהאַלט

*דר׳ וועלוול טשערנין, יין בדיין* *5*

## אַהיים

נעם צונויף 12

יִדישע קינדערלעך 13

פוילן, תשע״ו 14

מיר זענען געווען ייִדן 19

צעשפּליטערט אויף טויזנטער ייִדן 20

צען מײַל פֿון אָדעס... 21

ירושלים, ערבֿ נאַכט 22

אין כּפֿר־אלדד 23

נאָך אַלעמען 25

מינקאַטש 26

אונטערוועגנס 28

אין בוקאָווינע... 29

געדענקשאַפֿט 30

## אָנגעצויגענע סטרונע

אין וועג אַרײַן 32

אַנטי־פֿאַרגעסעניש 33

פֿאַרמאָגסט אַ קול 34

איידער וואָס און איידער ווען 35
אין גאַנצן טראַפֿן צוויי 36
נײַע ווינטן 37
ווײ און ווינט 39
וווּ ביסטו, פֿויגל? 40
אָנגעצויגענע סטרונע 41
גלעקעלעס קלאַנג 43
רעדנדיק צו דער צײַט 44
איך רעד צו דיר 45
אַז ישיר מעמענטאָ מאָרי 46
דרײַ קורצע לידער, זומער תּשע״ד 47
שפּראַך־דיאַלעקטיק 50

## ווײַנטרויבן פֿאַר דער נשמה

אַ קול אין וואַלד 54
שטילעניש 55
היימקער 56
מת אָבֿ ומת אלול 57
ווײַנטרויבן פֿאַר דער נשמה 60
ערבֿ ראש־השנה תּשע״ה 61
דו ווייסט, מײַן טרייסט? 62
דרײַ און פֿיר 63
ווענוס 67
פֿאַרוואָר 68

צײַט – שטערן - בוים 69
מײַסטערשאַפֿט 72

## אַ שווימאַוועקעניש

מיר שטאַמען... 76
טאָמער סטײַען די יאָרן 78
איידער חי ווערט ל״ו 79
לזכר אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט 80
כאַפּן אַ שפּור 81
אַ שווימאַוועקעניש 82
יע, יע 83
אַ שמייכל 85
אַזוי וויל איך זינגען 86

## מעשׂה־שמייכל

פֿייסבוק־פֿרײַנדשאַפֿט 90
אַ פֿילאָסאָפֿישער ראָמאַן 91
רויז און גרעזל 93
מעשׂה־גוגל 94
ראַנדע ווו? 95
מעשׂה שונרא 96
דזשים 98
מילך און וויסקי 99
דאָס גרעזעלע 101

## פֿון זעלבן מחבר:

וואו מיט אַן אַלף
פֿאַרלאַג ״דרײַ שוועסטער״, ראָוון ד׳ווײלז, 1996

שפּיגל־כּתב. געצײלטע לידער
(יוסף קערלער - באָריס קאַרלאָוו), ירושלים, 1996

עלאַברעק
לידער פֿון נײַעם יאָרטויזנט, ירושלים, 2006

קאַטאָוועס אָן אַ זײַט: נעכטיקע לידער
ירושלים, 2007

מיר איז שטאַרק נוגע
ירושלים, 2012